**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן צו באלאכטן ווערן אין פייערונג פון די 'דיוואַלי' חאגע**

***15 פון די סטעיט'ס צענטראלע סטרוקטורן וועלן באלאכטן ווערן רויט, געל, פינק און בלוי אום זונטאג, נאוועמבער 12, אוונט***

***גאווערנער גיבט ארויס פראקלאמאציע אין עהרע פון די 'פעסטיוואל פון ליכט'; לייענט די פראקלאמאציע [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 15 צענטראלע סטרוקטורן אריבער ניו יארק סטעיט וועלן באלאכטן ווערן אין רויט, געל, פינק און בלוי אויפן אוונט פון זונטאג, נאוועמבער 12 אין פייערונג פון די 'דיוואַלי' חאגע. גאווערנער האקול האט אויך ארויסגעגעבן א [פראקלאמאציע](#) אפיציעל דעקלערנדיג נאוועמבער 12 אלס דיוואַלי אין ניו יארק סטעיט.

"דיוואַלי, אויך גערופן *די פעסטיוואל פון ליכט*, איז א וויכטיגע פייערונג אין די הינדו קולטור, סימבאליזירנדיג די זעלישע זיג פון ליכט איבער טונקלקייט, גוטס איבער שלעכטס און ויסנשאפט איבער אומוויסנדיגקייט", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארקער זענען דאנקבאר פאר אונזערע אינדיאנע און דרום אזיאנע קאמיוניטיס פאר זייערע ביישטייערונגען און איבערגעגעבנקייט צו מיטטיילן פון זייער רייכע מסורה. מיר שיקן די ווארעמסטע וואונטשן פאר פרייד, פרידן און בליהאונג אין די צוקונפט פאר אלע וועלכע פייערן."

לענדמארקס צו באלאכטן ווערן רעכענען אריין:

- וואן ווארלד טרעיד צענטער
- גאווערנאר מאריאו מ. קאומאו בריק
- קאָסיאָסקאָו בריק
- די ה. קארל מעקאל SUNY געביידע
- סטעיט עדזשוקעישען געביידע
- אלפרעד ע. סמיט סטעיט אפיס געביידע
- עמפייער סטעיט פלאזא
- סטעיט פעירגראונדס - הויפט ארייננגאנג טויער און עקספא צענטער
- ניאגארא וואסערפאלן
- די "פרענקלין ד. רוזעוועלט" מיד-האדסאן בריק
- אלבאני אינטערנאציאנאלע לופטפעלד ארייננגאנג
- MTA LIRR - מזרח זייט טויער ביי פען סטאנציע
- פעירפּארט ליפט ברידזש איבער דעם ערי קאנאל

- מויניהאן באן האל
- פיסגייער וועג איבער הודסאן סטעיט היסטארישע פארק

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך אויסשרייבן